בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

פ' **משפטים** תשפ"א
Vol. 25-A

United Jewish Community of Blooming Grove · Est. 2019

**זמנים**

**משפטים**
שקלים - ר"ח אדר

הדלקת הנרות
**5:12**

סו"ז קריאת שמע
**8:56**

זמן מוצש"ק
**6:41**

## געביידע און שטח פון גרויסער "סליפ-אין' האָטעל אין בלומינגראוו אפגעקויפט אונטער אידישע אייגנטומערשאפט





זייט 6

## "וואשינגטאנוויל סענטראל סקול דיסטריקט" פארלענגערט קאנטראקט מיט "אראנדזש קאונטי טראנזיט" אויף נאָך א יאר

זייט 7

## אומפאזאנטע "הכנסת ספר תורה" געפראוועט אין היכל ישיבה גדולה תורת מרדכי וויזשניץ

הרה"צ רבי חיים מאיר האַגער שליט"א, בן כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ שליט"א, זיך געצויגן קיין בלומינגראָוו

זייט 2

## רעגיסטראַציע
☆☆☆ דרייוו ☆☆☆

ס'איז שוין פאסט...

## רעגיסטרירט שוין!

**יעדער העכער 18 מוז זיין רעגיסטרירט!**

אויב וועט מען זיין 18 אויף מארטש 16, זאל מען זיך שוין רעגיסטרירן!

מיט בלויז געציילטע מינוט, גיט איר א מעגליכקייט
אז אייער שטימע זאל 'קענען' געהערט ווערן!!

ראטזאם צו נעמען אין קענטעניס פאר דער אייגענער טובה:

## באָסעם אַפּליקאַציעס געווארן אַרויסגעשיקט דורך 'סקול דיסטריקט'; עס איז וויכטיג צוריקשיקן אַפּליקאַציעס פאַר "יעדעם קינד" באזונדער

זייט 8

לייענט און פארשטייט:

## פאַרוואָס די אספאלט ביי מענגין און 208 איז שוין פאראיבער נאנט צו 4 חדשים וואס איז נאכנישט פאַראָכטן געווארן

זייט 12

# אומפאזאנטע "הכנסת ספר תורה" געפראוועט אין היכל ישיבה גדולה תורת מרדכי וויזניץ

## אריינגעגעבן בקול רנה והמון חוגג דורך הרבני הנגיד מוה"ר דוד מרדכי לוריא הי"ו, בהשתתפות כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א פון וויליאמסבורג

די וואך זונטאג האט בלומינגראוו והגלילות ווידעראמאל מיטגעלעבט א מחזה פון שמחת התורה, ביי דעם הערליכן מעמד "הכנסת ספר תורה" וואס איז אריינגעגעבן געווארן בשיר וקול תודה צו דער "ישיבה גדולה תורת מרדכי וויזניץ" וואס איז סטאנציאנירט ביי אונז אין דער שטאט, בהשתתפות פון א גרויסער ציבור חסידי וויזניץ ותושבי העיר, ועל צבאם כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א פון וויליאמסבורג.

דער ספר איז געשריבן און אריינגעגעבן געווארן דורך הרבני הנגיד ר' דוד מרדכי לוריא הי"ו, מחשובי תומכי בית וויזניץ -וועלכער האט אויך אפגעקויפט דעם זכות פון דעם ארון קודש און פרוכת אין דער היכל הישיבה - לע"נ אביו הרבני החסיד מוה"ר יוסף אריה ב"ר דוד מרדכי לוריא ז"ל, מנכ"ל מוסדות וויזניץ מאנסי ואיש אמונו פון כ"ק אדמו"ר בעל תורת מרדכי מוויזניץ זצ"ל.

די שמחה האט זיך שוין אנגעהויבן זונטאג אין די פריע מיטאג שטונדן ווען כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א האט זיך באטייליגט ביי דעם מעמד סיום כתיבת אותיות בבית משפחת לוריא שיחי' אין מאנסי. פון דארט האט מען זיך ארויסגעלאזט קיין בלומינגראוו, וואו מען האט צוערשט געדאווענט מנחה און דערנאך איז פארגעקומען א "טעלער ברעכן" לשמחת אירוסין פון א' מחסידי וויזניץ למזל טוב.

דאן איז מען צוגעטרעטן צו די חגיגה הגדולה ווען מען האט מיט פרייד און געזאנג מחנך געווען די נייע ספר תורה. א מעמד וואס איז



פארוואנדלט געווארן אין די פערזענליכע שמחה פון יעדן תלמיד הישיבה און וועט לאנג געדענקט ווערן ביי אלעמען.

דער ספר תורה איז ארויס פון דעם בנין הדארמעטארי אויף 31 מאונטן רד. און פון דארט האט זיך געשלענגלט די תהלוכה ברחובה של עיר צום בנין הישיבה אויף די 'סליפי האלאו' גאס, וואס איז פארוואנדלט געווארן אין א מחזה מרהיב עין, ווען די בחורי הישיבה, אינאיינעם מיט פילע תושבי העיר, געקליידעט בבגדי שבת, זענען מטפס ומרקד מיט א התרגשות עילאה באגלייט מיט כלי שיר לכבודה של תורה.

מטעם די הנהלת הישיבה איז צוגעשטעלט געווארן טראנספארטאציע פון די "פארק און רייד" לאקאציע אין קרית יואל, מיט א ספעציעלע שאטל וואס האט כסדר געטראגן און געברענגט דעם ציבור.

עקסטער זענען געווען פארקירט מערערע אויטאס און די באסעס פון די וויזניצער מוסדות ביי די אפיס בנין ביים ווינקל פון 208 און מאונטען,

באזונדער איז אויפגעשטעלט געווארן א גרויסער שאטער מיט עלעקטעריק און הייצונג פאר די נשים צדקניות פון די משפחה און די געגנט, וועלכע זענען געקומען מיטהאלטן די שמחה.

ווען דער וויזניצער רבי שליט"א האט אריינגעטראגן דעם ס"ת אין היכל הבית המדרש, אנגעכאפט אינאיינעם מיט'ן נדבן הי"ו, איז נאך מער פארשטארקערט געווארן דער קול שירה וזמרה, ויניעו אמות הסיפים ווען דאס בית המדרש איז ווי איינגעהילט געווארן אין אן אומבאשרייבליכע שמחה של מצוה, אשרי עין ראתה.

דאן איז געפראוועט געווארן א מעמד לחיים, וואו דער רבי שליט"א האט משמיע געווען דברות קודש, און מען האט זיך שווער אפגעזעגנט פון אזא געהויבענע חגיגה וואס איז פארבליבן טיף איינגעקריצט אין די הערצער.

## הרה"צ רבי חיים מאיר האַגער שליט"א, בן כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ שליט"א, זיך געצויגן קיין בלומינגראָוו

מיט גרויס שמחה האָבן די תושבים פונעם אידישן ישוב אויפגענומען די בשורה מרנינה, אַז די וואָך האָט זיך אַריבערגעצויגן הרה"צ רבי חיים מאיר האַגער שליט"א, בנו יחידו פון כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א וויליאַמסבורג, צו וואוינען נעבן דער וויזשניצער ישיבה.

הרה"צ ר' חיים מאיר שליט"א איז באַקאַנט אַלס אַ תלמיד חכם מופלג און מתמיד עצום, וואָס האָט שוין זוכה געווען ביי דער בר מצוה זיך צו פאַרהערן 600 בלאַט גמרא. ביי די 26 יאָר האָט ער זוכה געווען זיך צו פאַרהערן גאַנץ ש"ס מיט תוספות אויף איינמאָל, וואָס בלויז יחידי סגולה זענען צו דעם זוכה.

אין דער זעלבער צייט איז הרה"צ שליט"א אַן עובד השם מיט אַ פשטות און צוגעלאָזנקייט צו יעדן מיט אַ חביבות, ווי אויך אַ גרויסער עסקן פאַר עניני הקהילה והמוסדות און סתם פריוואַטע צוועקן לטובת אידישע קינדער.

האָבנדיג פאַר די אויגן די שיטה פונעם זיידן כ"ק אדמו"ר הגה"ק התורת מרדכי מוויזניץ זצ"ל, אַז ישיבת כרכים קשה, און עס איז נישט גוט צו וואוינען אין די גרויסע שטעט, האָט זיך הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א אַרויסגעצויגן אַלס דער נחשון נעבן דער וויזשניצער ישיבה אין אונזער שטאט, וואו ער געפינט זיך יעדן טאָג דעם גאַנצן ווינטער.

כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א איז אַן אָפטער גאַסט אין שטאט, ער קומט כמעט יעדע וואָך אין היכל הישיבה דאַווענען מיט די בחורי חמד און זיי פאַרהערן די לימודים. דאָס האָט געברענגט אַז אַ ריי וויזשניצער חסידים האָבן געקויפט דאָרט הייזער און אויך וואַרט מען מיט שפּאַנונג אויף די נייע דעוועלאָפּמענטס, וואָס וועט ברענגען אַ גרויסן עולם נייע תושבים צו קומען אַהין וואוינען נעבן הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א און נהנה זיין מאור תורתו וצדקתו.

די הנהלת הקהילה דק"ק תורת חיים וויזניץ האַנדלט אויף צייטווייליג פאַר אַ בית המדרש וואו צו דאַווענען, און מ'האָפט צו קענען בויען ווי אַמשנעלסטן אַ גרויסע צענטראַלע ביהמ"ד מיט אַלע צוגעהערן. אויך האָט מען געקויפט פאַר'ן רבי'ן שליט"א אַ גרויסע הויז, ממש נעבן בנין הישיבה, אשר עינו ולבו שם כל הימים.

דאָס קומען פון הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א וועט זיכער ברענגען אַ גייסט פון לעבן פאַר אונזער לעכטיגער שטאָט בלומינגראָוו, מיט די באָטעס, שיעורים און מעשי חסד, וואָס אַנטשפּרעכט צו זיין אַ קרן אורה פאַר תורה וחסידות.



ב"ה
דורכאויס די וואכן פון
חודש אדר
געניסט פון א
15%
דיסקאונט
ונהגין לשלוח מנות
איש לרעהו כדי
להרבות אהבה ואחוה
(שו"ע הלכות פורים)
מיין מתנה פאר מיינע שכנים!
PURE | CLEAN | NATURAL
CHEMICAL-FREE
NO
PRESRRVATIVES
FRESHEST FISH ON THE MARKET
אויף אלע אייערע
ארדערס אין אונזער
שפאגל-נייעם פיש
געשעפט רעב-פישל
א ספעצילע פראמאושען
בלוית פאר תושבי בלומינגראוו
לכבוד אונזער ערעפענונג
איך קוק ארויס אייך צו
סערווירן מיט פרישע
פיש, ספעציעלע
סערוויס, שנעלע
דעליווערי, חודש אדר
און א גאנץ יאר.
יוסף אלי' הארוויץ
באנוס: באקומט א שיינע
מתנה פון רעב-פישל
פאר אייערע קינדערלעך,
מיט אייער ארדער
די שטרענגע השגחה פון
Kosher Parve
כשר פארווע
רייכע אויסוואל פון געשמאקע פיש | Ready-to-bake דעלישעס געקאכטע פיש לכבוד שבת
friedcomedia.com
באשטעלט אייער וועכענטליכע
פיש-ארדער ביי רעב פישל
פרישסטע פיש אויף די מארקעט | ציכטיג
ריין און זויבער | מיר וואשן די פיש אָן
קעמיקאַלן | בעסטע היימישע
געפילטע-פיש | ספעציעל צוגענגליכע
פרייזן | אויסנאם שנעלע דעליווערי
REBFISHEL
SEA-TO-TABLE FRESH
CALL + TEXT + WHATSAPP
845.751.1414
30 VALLEY AVE
CENTRAL VALLEY, NY 10917
ORDERS@REBFISHEL.COM
אייער פריינט, יוסף אלי' הארוויץ






געלונגענע ארבעט צו שארן די שניי דורכגעפירט געווארן אין בלומינגראוו




וכל מי שעוסקים: ידידינו החשוב מוה"ר שלמה ווייס הי"ו מחשובי תושבי עירנו ביים אויסשארן דעם שארט-קאט
אז מען זאל קענען גיין שבת צו די בתי מדרשים ומקוואות זכות טהרתן של ישראל יעמוד לו!

**שרייבט בריוו צו דער רעדאַקציע: Mail@shtima.com**
**אזוי אויך קען מען איבערלאזן מעסעדזשעס אויך: 845.384.2818**

# נייעס און אָפּדעיטס

אינערהאלב די קארידארן פון דעם "ווילעדזש און סאוט בלומינגראוו"

## בארימטע פירמע "רעלייבל קאמפיוטער'ס" באשטימט אנצופירן מיט די טעכנאלאגישע פונקציעס פון דער ווילעדזש רעגירונג

ביי דעם ווילעדזש מיטינג פארלאפענעם סעפטעמבער 30 למס', האט דער ווילעדזש באורד געשטימט פאר א רעזאלוציע אויפצונעמען די בארימטע פירמע **Reliable Computers**, אונטער דער אייגנטומערשאפט פון הרבני מוה"ר רבי בעריש שווימער הי"ו מתושבי עירנו, אז די פירמע זאל איבערנעמען אלע פונקציעס פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע אינערהאלב דעם ווילעדזש, וואס רעכנט אריין די קאמפיוטערס, סערווערס, אימעיל און אלע איי. טי. אנגעלעגנהייטן פון דער ווילעדזש רעגירונג.

עס איז אריינגעגעבן געווארן דריי 'בידס' דורך פירמעס וועלכע האבן קאנקורירט אויף דעם קאנטראקט, און ענדגילטיג האבן די 'ווילעדזש באורד מעמבער' געשטימט אז "רעלייבל' זאל באקומען דעם קאנטראקט, און מען איז באלד צוגעטרעטן צו די ארבעט.

דער גאנצער אימעיל סיסטעם פון דעם ווילעדזש איז שוין אריבערגעפירט געווארן צו א גאר נייעם סאפיסטיקירטן סערווער, וואס איז אויסגעשטאטעט מיט די לעצטע טעכנאלאגיע. האט מען פארקירצערט דעם 'דאמעין' נאמען פון דער ווילעדזש, אנשטאט וואס ביז יעצט האט מען געדארפט ארויסשרייבן צ.ב.ש. **mayor@ villageofsouthbloominggrove** ווען מען האט געשריבן אן אימעיל צו די ווילעדזש באהערדע, איז עס אצינד **mayor@vosbg**. וואס איז טאקע וויכטיג צו נעמען אין קענטעניס ווען מען שיקט אן אימעיל פאר דער ווילעדזש, אז דאס זאל זיין אויסגעשטעלט לויט די נייע קורצע 'דאמעין' נאמען.

צווישן אנדערע וועט די פירמע אויך סארטירן די אומצאליגע פיילס וועלכע ליגן אין דעם ווילעדזש אפיס. ביז לעצטנס זענען זאכן געטון געווארן שלאבעריש און דעריבער איז פארהאן פילע קעסטלעך מיט פיילס וועלכע זאמלען שטויב זינט דעם גרינדונג פון דעם ווילעדזש. די אלע 'פיילס' וועלן ווערן בעז"ה גע'סקענט', און ארויפגעלייגט אויף 'סערווערס' אויף 'קלאוד'.

אזוי אויך וועט געגצליך איבערפרישט ווערן דער ווילעדזש וועבזייטל, עס זאל זיין 'יוזער פרענדלי' און נוצבאר פאר די איינוואוינער. דערביי וועט ארויפגעשטעלט ווערן אלע סארט אינפארמאציע און סערוויסעס ווי 'פראפערטי סירטשעס', 'רעקארד סירטשעס', 'טעקס רעקארדס', א.א.וו.

עס וועט דערביי איינגעשטעלט ווערן אן אפציע צו קענען באצאלן 'וואסער בילס', טעקס בילס', און אנדערע בילס אויף א צוגעגליכן שטייגער. דער וועבזייטל וועט רענאווירט ווערן צו זיין אינפארמאטיוו און נוצליך, צו באדינען די איינוואוינער שטענדיג.

בבית אלקים נהלך ברג"ש

### די לאקאלע סקול דיסטריקט האט קענסעלט אלע באסעס פאר דינסטאג משפטים, האט די יו. זשעי. סי. אפגעשארט די באסעס און ארום געפארן אפנעמען די הייליגע קינדער צו מונע זיין ביטול תורה, אשרי חלקם!





# געביידע און שטח פון גרויסער "סליפ-אין" האָטעל אין בלומינגראוו אפגעקויפט אונטער אידישע אייגנטומערשאפט

## נאבעלער האטעל אנטשפרעכט צו זיין צוגערישט פאר'ן געברויך פון היימישע אידן

אין א פאזיטיווע מעלדונג איז אויפגענומען געווארן די באריכטן אז נאך א לאנג פארצויגענעם פראצעדור, איז דעם פארלאפענעם מיטוואך פרשת יתרו געשלאסן געווארן א 'דיעל' אויף דעם גאנצער פעלד וואס איז אויסגעשפרייט אויף א שטח פון 106 עיקער, וואס אנטהאלט אויך דער 'סליפ אינן' האטעל און אלע ארומיגע בנינים, און איז אצינד אריבער אין היימישע הענט פון אנשי שלומינו, אידן מיט א געפיל און אינטערעסע פאר אונזער געגנט.

ויקם השדה! דער מקח פון דעם האטעל געביידע און דער ארומיגער שטח, וואס האט באלאנגט צו דער גאגליארדי פאמיליע, איז אריבער אסאך קאמפליצירטע און פארצווייגטע פארהאנדלונגען, אבער אצינד האלט מען שוין נאך דעם שליסונג פון דעם דיעל, וואס טוט האפענטליך אנהויבן א פרישע קאפיטל אין דער געשיכטע פון בלומינגראוו.

ס'איז אייגנטליך א היסטארישע און ערשטמאליגע ערשיינונג פון א אידישער האטעל, וואס וועט זיין פולשטענדיג צוגעשטעלט צו דעם כשרות געברויך פון היימישע אידן און אזוי אויך פאר אידישע שמחות, צוערשט פאר קלענערע שמחות און אין דער צוקונפט אויך עלעגאנטע זאלן פאר גרעסערע שמחות וואס וועט דארט געפראוועט ווערן ברוב פאר והדר.

לויט די פלענער וועט דער האטעל אויך זיין געאייגנט פאר שבתים און ימים טובים, זייענדיג פולשטענדיג אהערגעשטעלט מיט באזונדערע פליישיגע און מילכיגע קוכן. איינגערישט מיט האטעל צימערן פאר אידן וועלכע ווילן אהערקומען אויף וואקאציע, מיט א באקוועמע און עלעגאנטע מקוה.

דאס פלאץ איז זייער געאייגענט פאר'ן היימישן ציבור, צוליב דעם וואס עס געפינט זיך גלייך נאכדעם וואס  מען קומט אראפ פונעם ראוט 17. עס וועט דעריבער זיין א פאסיגע אויסוואל פאר אידן מאכן שמחות דא לאקאל, און דאס זעלבע פאר מענטשן וועלכע ווילן ארויסברענגען זייערע חתונות, אדער שבת שבע ברכות, אינאיינעם מיט גענוג פלאץ און הרחבה פאר אלע געסט, מטה כסא שלחן ומנורה, מיט א הערליכע פאנאראמע פון דער געגנט ארום.

די אייגנטומער זענען אצינד אין פארבינדונג מיט די אידישע געהילפן אינעם ווילעדזש האל, ווי פארשטענדליך אז פאר דער ווילעדזש רעגירונג איז דאס א גרויסע דערגרייכונג, זינט עס פארשפרעכט ארייצוברענגען גרויסע איינקונפטן סיי פאר דער ווילעדזש אין פארעם פון שטייערן, און סיי פאר די תושבי העיר, צו קענען האבן אזא האטעל אין אידישע הענט, וואס איז א פאזיטיווע ערשיינונג ברוחניות ובגשמיות.

דער האטעל איז אינגאנצן אלט דריי א האלב יאר און עס איז געבויעט גאר שטארק און דויערהאפטיג. באזונדער איז דאס פון אנהויב געבויעט געווארן מיט דער מעגליכקייט צו קענען צובויען א פולן שטאק איבער די עקזיסטירנדע געביידע, אן דארפן שטערן די טאג טעגליכע ווירטשאפט פון די אונטערשטע שטאקן.

עס איז ערווארטעט אז די אייגנטומער וועלן אין די קומענדיגע טעג ארויסלייגן זייערע גרויסצוגיגע פלענער, ווי אזוי דער ציבור וועט געניסן און באנוצן דעם נייעם האטעל. פאלגט נאך ווייטערדיגע איינצעלהייטן.





# נאטיצן און באריכטן

מהנעשה והנשמע
אינערהאלב
"יו. דזשעי.סי."

### אין א בייזוויליגן שריט דירעקט געצילט קעגן אידישע שטייער צאלער:

# "וואשינגטאנוויל סענטראל סקול דיסטריקט" פארלענגערט קאנטראקט מיט "ארענדזש קאונטי טראנזיט" אויף נאָך א יאר

פון הינטער די קוליסן איז אנומלט אריינגעקומען די נייעס, אז דער "וואשינגטאנוויל סענטראל סקול דיסטריקט" - וואס האט שוין צום באדויערן א רעקארד פון אינטערמינעוועוען און בא'עולה'ן די היזיגע איינוואוינער דורכאויס דאס פארלאפענע יאר - האט זיך אצינד נאכאמאל ארויסגעשטעלט צו באקריוודען זייערע שטייער צאלער, ווען זיי האבן אין דער שטילקייט, אונטער'ן טיש, פארלענגערט דעם קאנטראקט מיט די 'ארענדזש קאונטי טראנזיט' פירמע, מיט אן אפמאך אז זיי זאלן צושטעלן טראנספארטאציע פאר די מוסדות התורה אויך דאס קומענדיגע יאר.

דאס קומט נאך דעם, וואס אידן אין בלומינגראוו האבן מיטגעמאכט אלע סארט שוועריגקייטן מיט די טראנספארטאציע פירמע, וועלכע האט דירעקט נישט קיין שום פארבינדונג און מיטארבעט מיט די פארשטייער פון דער אידישער געמיינדע, און האבן אומצאליגע מאל געבראכן דעם קאנטראקט אויף מערערע אופנים, נישט רעכענדיג זיך מיט די געברויכן און פארלאנגען פונעם ציבור התושבים.

אין געוועינליכע אומשטענדן, ווען מען טוט פארלענגערן א קאנטראקט, ווערט דאס דורכגעפירט אין די מאנאטן פון אפריל-מאי, ווען מען קען באטראכטן אויף צוריק כאטש זעקס חדשים פון דעם פארלאפענעם יאר און זיך אומקוקן וויאזוי די פירמע האט געהאנדלט און צי זיי זענען נאכגעקומען די פארלאנגען פון די איינוואוינער. דאן הערט מען אויס די קאמיוניטי, מען מאכט 'ריסערדזש' און מען הערט אויב עס איז פארהאן 'פידבעק' פונעם ציבור. און הערשט דאן מאכט מען אן אפשטימונג דערויף.

אין אונזער פאל האט אבער די סקול דיסטריקט אויסגעקרויזט דעם גאנצן פראצעדור, אנשטאט האבן זיי בעקיפין, בלויז דריי חדשים!



**Monday, January 25, 2021**
**Board of Education Agenda Business Meeting**

**Washingtonville Central School District**
**Meeting Shared via Live Video on District Website and within Boarddocs**
**Time: 7:00 p.m.**

**A. Meeting Opening**

| | |
|---|---|
| **Subject** | **1. Pledge of Allegiance** |
| Meeting | Jan 25, 2021 - Board of Education Agenda Business Meeting |
| Category | A. Meeting Opening |
| Type | Procedural |

**B. Approval of Minutes**

| | |
|---|---|
| **Subject** | **1. March 23, 2020 Amended Business Meeting Agenda** |
| Meeting | Jan 25, 2021 - Board of Education Agenda Business Meeting |
| Category | B. Approval of Minutes |
| Type | Action, Minutes |
| Recommended Action | Resolved upon the recommendation of the Superintendent of Schools to the Board of Education to approve the Amended Minutes from the March 23, 2020 business Meeting. |
| Minutes | View Minutes for Mar 23, 2020 - Board of Education Agenda Business Meeting Monday, |

**Motion & Voting**

Resolved upon the recommendation of the Superintendent of Schools to the Board of Education to approve the Amended Minutes from the March 23, 2020 business Meeting.

Motion by Colleen Doyle, second by Robin White.
Final Resolution: Motion Carried
Yes: Jennifer Dellova, Robin White, Sharon Williams, David Brunner, Colleen Doyle, Kevin McIntyre, Mary Ellen Shute

| | |
|---|---|
| **Subject** | **2. December 21, 2020 Business Meeting** |
| Meeting | Jan 25, 2021 - Board of Education Agenda Business Meeting |
| Category | B. Approval of Minutes |
| Type | Action, Information, Minutes |



**Agenda Item Details**

| | |
|---|---|
| Meeting | Jan 25, 2021 - Board of Education Agenda Business Meeting |
| Category | H. New Business |
| Subject | 1. Transportation Contract |
| Type | Action, Information |
| Recommended Action | Resolved upon the recommendation of the Superintendent of Schools to the Board of Education to approve the Transportation Contract Extension with Orange County Transit, as attached. |

**Motion & Voting**

Resolved upon the recommendation of the Superintendent of Schools to the Board of Education to approve the Transportation Contract Extension with Orange County Transit, as attached.

Motion by Robin White, second by Colleen Doyle.
Final Resolution: Motion Carried
Yes: Jennifer Dellova, Robin White, Sharon Williams, David Brunner, Colleen Doyle, Kevin McIntyre, Mary Ellen Shute

נאך דעם אנהויב פון דעם סקול יאר, פארלאנגערט דעם קאנטראקט, אָן בכלל נעמען אין באטראכט די אינטערעסן פון די איינוואוינער און אָן מאכן כאטש איין איינצעלנער טעלעפאן קאל, אין א צייט וואס זיי ווייסן גוט ווי אומצופרידן דער ציבור איז פון די טראנספארטאציע פירמע.

נאכמער. אויך פון די דריי מאנאטן זינט דער אנהויב פון דעם סקול יאר, איז למעשה נישט פאראיבער קיין דריי מאנאטן פון טראנספארטאציע. צוערשט צוליב דעם יום טוב סוכות, און דאן צוליב די אומ'יושר'דיגע און אומלעגאלע באהאנדלונג פון די דיסטריקט וואס האט בייזוויליג אפגעהאלטן די טראנספארטאציע פון אלע תושבי העיר.

טראץ דעם וואס די מוסדות התורה אין קרית יואל זענען געוועזן הונדערט פראצענט לעגאל אפן, האט אבער די 'סקול דיסטריקט' אנגענומען דעם טאקטיק פון אויפנעמען פרעמדע באס פירמעס פאר אונזערע קינדער, אזוי ארום זאל מען קענען אפהאלטן טראנספארטאציע בכל עת מצוא מיט לעכערליכע אויסריידן כדי דאס געלט פון די שטייערן זאל פארבלייבן אין די אנגעפולטע קאסע.

אצינד זענען זיי געגאנגען צום קומענדיגן שטאפל און נאכאמאל פארלענגערט דעם קאנטראקט, דורך א שנעלע און באהאלטענע אפשטימונג דעם פארלאפענעם ענדע יאנואר, אן אפילו נעמען "פובליק קאמענטס" דערויף.

די פרישע אנטוויקלונג איז באלד באמערקט געווארן דורך די געניטע אויג פון די געטרייע עסקנים וועלכע באטראכטן פון דער נאנט די סקול דיסטריקט און זייערע אקטיוועטעטן, און עס טוט קלארשטעלן צום וויפלסטן מאל אז עס האנדלט זיך פון א שטייפע און העסליכע פירערשאפט וואו עס דארף גענומען ווערן לעגאלע שריט, צו פארטיידיגן די רעכטן פון עלטערן וואס זענען בארעכטיגט צו ערהאלטן

יושר'דיגע סערוויסעס.

די "יו. דזשעי. סי". איז אין די איצטיגע טעג אין פארבינדונג מיט אדוואקאטן, צו עפענען א לעגאלן 'קעיס', וואס וועט ווארשיינליך זיין א 'קלאס עקשאן לאסוט' קעגן די שריט פון דעם "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט".

ביי דעם קעיס וועט שוין אויך דערמאנט ווערן די אלע מיסברויכן און דיסקרימינאציע וואס פלאגט בלומינגראווער אידן, וואס איז פאקטיש די איינציגע קאמיוניטי וועמען די באסעס טוען סערווירן. איבערהויפט דאס אפהאלטן אומלעגאל די טראנספארטאציע דורכאויס לאנגע וואכן, אן קיין שום זאכליכע אורזאך, בלויז פאר נקמה און שנאת ישראל.

מען האפט און מען קוקט ארויס אז מיט סייעתא דשמיא וועט מען מצליח זיין צו דורכפירן די ריכטיגע השתדלות. צו פארזיכערן אז די שטייער צאלער ערהאלטן דאס וואס עס קומט זיי, און ווערן נישט באקריוודעט און 'געווארפן אונטער'ן באס'...ובשם ה' נעשה ונצליח, למען טובת הציבור.

### ראטזאם צו נעמען אין קענטענים פאר דער אייגענער טובה:

# באסעס אפליקאציעס געווארן ארויסגעשיקט דורך 'סקול דיסטריקט'; עס איז וויכטיג צוריקשיקן אפליקאציעס פאר "יעדעם קינד" באזונדער




אין די יעצטיגע טעג האט די "סקול דיסטריקט" ארויסגעשיקט טראנספארטאציע אפליקאציעס פאר אלע עלטערן וועלכע זענען בארעכטיגט צו געניסן פון אומזינסטע טראנספארטאציע סערוויס פאר די מוסדות התורה

'יו. זשעי.סי.' דערמאנט אז עלטערן זאלן צוריקצושיקן די אפליקאציעס ווי אמשנעלסטן, אז מען זאל טאקע ערהאלטן די נויטיגע פאנדן און אז אידיש געלט זאל נישט גיין לטמיון צוליב פארנאכלעסיגקייט

**ס'איז ראטזאם אויך צו בעטן פון די סקול דיסטריקט א באשטעטיגונג (קאנפירמעישאן) צו פארזיכערן אז אייער נאמען פאלט נישט ארויס פון די רעגיסטרירטע ליסטע**

**טייל עלטערן האבן בלויז באקומען אפליקאציעס פאר עטליכע פון די קינדער - אין א פרואוו פון די "סקול דיסטריקט" נישט צו דארפן פינאנצירן די קאסטן פון אלע קינדער - דעריבער איז וויכטיג צו וויסן אז מען דארף צוריקשיקן א באזונדערע אפליקאציע פאר יעדעם קינד באזונדער, ס'איז נישט גענוג אויב מען שיקט אריין פאר טייל קינדער**

פאר סיי וועלכע פראגעס אדער אויסקלארונגען קען מען זיך שטענדיג פארשטענדיגן צום אפיס פון דער יו.זשעי. סי.




# רעגיסטראַציע
## ☆☆☆ דרייוו ☆☆☆

## ס'איז שוין שפעט...

מ'קען שוין נישט ווארטן אויף די לעצטע מינוט!!

# רעגיסטרירט שוין!

**יעדער הענכער 18 מוז זיין רעגיסטרירט!**
**אויב וועט מען זיין 18 אויף מארטש 16, זאל מען זיך שוין רעגיסטרירן!**

**מיט בלויז געציילטע מינוט, גיט איר א מעגליכקייט אז אייער שטימע זאל 'קענען' געהערט ווערן!!**

נעמט אין אכט: אלע וואס וועלן זיין 18 יאר אויף קומענדיגען מארטש 16 למספרם, ברויכן זיך יעצט רעגיסטרירן צו זיין בארעכטיגט צו שטימען!

**עסקנים זענען גרייט העפליך ארויסצוהעלפן און אראפקומען צו אייך, מסדר זיין די רעגיסטראציע!**

פאר סיי וועלכע פראגע אדער הילף מיט רעגיסטראציע, רופט שוין די עסקנים:

מו"ה **אורי דייטש** הי"ו
**845.662.9409**

מו"ה **אלימלך היללער** הי"ו
**347.436.5884**

ובשם ה' נעשה ונצליח!

# טראַנספּאָרטאַציע בולעטין

עש"ק פר' יתרו

**ווי** באקאנט איז אין די היזיגע "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט" - פונקט ווי איבעראל - פארהאן **אַן איינגעפירטער סיסטעם פון "ריסעס"**; דאס הייסט אז אין יעדע פון די דריי סעזאנען דורכאויס דאס יאר, ווינטער, פרילינג און הערבסט, איז באשטימט **איין וואך ווען די "סקול דיסטריקט" איז נישט אפן און די באסעס אפערירן נישט.**

אין דער פארגאנגענהייט, במשך אלע יארן זינט אידן וואוינען דא אין געגנט, האט די "סקול דיסטריקט" נישט צוגעשטעלט קיין טראנספארטאציע צו די מוסדות התורה אין קרית יואל אין די עטליכע וואכן, צוליב דעם וואס זייערע פובליק סקולס זענען נישט אפן. **פארשטענדליך אז דאס האט זיך אפגערופן אויף די קעשענע פון אונז עלטערן**, מען האט געדארפט צאלן באזונדער צו קענען געניסן פון טראנספארטאציע.

שטייענדיג אצינד עטליכע טעג פאר דעם קומענדיגן "ריסעס", וואס וועט זיין אין די וואך פון פעברואר 14 - 20 למספרם, האבן מיר אינערהאלב **"יו. דזשי. סי.", אלס שלוחי הציבור, זיך אריינגעלייגט צו לעזן דעם פראבלעם** און שפארן אידיש געלט.

מען האט זיך געוואנדן אין אַן אפיציעלן בריוו צו דער "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט", וואו מען האט ערווענט וואס דאס געזעץ פארלאנגט, אז **די "סקול דיסטריקט" דארף יא צושטעלן טראנספארטאציע פאר סטודענטן פון פריוואטע סקולס, אפילו אין די וואכן פון "ריסעס"**, אויב די ספעציפישע פריוואטע סקול איז דאן אפן. וואס אין אונזער פאל באדייט דאס אז די אידישע איינוואוינער אין בלומינגראוו זענען בארעכטיגט צו ערהאלטן טראנספארטאציע פונקט ווי אין אלע אנדערע וואכן פון דאס יאר.

אין צוגאב, האט יו. דזשעי. סי. אנגעוויזן אז **מיר אידן האבן דאך עטליכע ימים טובים דורכאויס דאס יאר, ווען מיר נוצן נישט די "סקול דיסטריקט" טראנספארטאציע סערוויסעס**. דאס איז פאקטיש עטליכע וואכן וואס די סקול דיסטריקט בלייבט מיט די פאנדן אָן דעם וואס זיי זאלן נוצן די באסעס. אויב אזוי איז דאך בלויז יושר אז מיר זאלן באקומען טראנספארטאציע אין די "ריסעס" וואכן, היות זיי וועלן ניטאמאל ארויסגיין מיט קיין שאדן דערפון.

די שתדלני הציבור האבן גלייכצייטיג אנגעמערקט אז אין פאל מען וועט אונז אומבארעכטיגטערהייט אפזאגן די טראנספארטאציע - וואס קומט זיך אונז געזעצליך און יושר'דיג - דאן איז אויך אפן די לעגאלע אפציע, אין באגלייטונג פון ערפארענע אדוואקאטן, צו באשיצן אידיש געלט פון גיין לטמיון.

**ס'איז דער וואונטש פון אונז אלעמען אז מיט'ן כח האחדות און מיט די ריכטיגע שתדלנות זאל מען, איינמאל פאר אלעמאל, טוישן דעם אומבארעכטיגן סיסטעם פון די פארלאפענע יארן. מיר האפן אין די נאנטע קומענדיגע טעג צו קענען מעלדן פאר'ן ציבור תושבי בלומינגראוו פאזיטיווע נייעס אויף דעם פראנט בעז"ה.**

ויהי נועם ה"א עלינו, והשי"ת ישמור צאתנו ובואינו לחיים ולשלום.

**ובשם ה' נעשה ונצליח!**

בכבוד רב

**United Jewish Community *of* Blooming Grove**

WHITEMAN
OSTERMAN
& HANNA LLP

Attorneys at Law
www.woh.com

One Commerce Plaza
Albany, New York 12260
518.487.7600
518.487.7777 (fax)

Robert S. Rosborough IV
Partner
518.487.7608 phone
rrosborough@woh.com

February 3, 2021

**VIA EMAIL**

Beth L. Harris, Esq.
Shaw, Perelson, May & Lambert LLP
21 Van Wagner Road
Poughkeepsie, NY 12603

As you know, this firm represents the United Jewish Community Board of Blooming Grove ("UJC"), which has been in contact with your firm regarding certain matters involving the Washingtonville Central School District (the "District"). I am writing to request the District's cooperation regarding the transportation of students who reside in the District but attend nonpublic schools within the Village of Kiryas Joel.

UJC has been informed that the District is refusing to transport students to nonpublic schools within the Village of Kiryas Joel during the District's upcoming February Recess, from February 15, 2021 to February 19, 2021. The nonpublic schools are scheduled to be in session during the District's February Recess. Without transportation services from the District, students who reside in the District will be unable to attend their classes during the District's February Recess.

The Commissioner of Education has repeatedly emphasized that "[a]uthorities at public and nonpublic schools are obligated to cooperate in a reasonable manner in the scheduling of classes and transportation." Appeal of Student with a Disability, Decision No. 16,858 (2016). The Commissioner has also explained that, generally, transportation for nonpublic school students "must be provided in such a manner that the students arrive on time for the beginning of school and are not picked up until the end of their school day." Id. UJC requests that the District comply with its obligation to cooperate with the nonpublic schools and provide transportation for the nonpublic school students during February Recess to allow the students to attend their classes.

On at least 14 days throughout the 2020-2021 school year, the nonpublic schools are closed on days when the District is in session. On those 14 days, the District is relieved of its obligation to transport the nonpublic school students and is able to save District resources as a result. UJC is requesting that the District provide only five days of transportation during February Recess – less than the 14 days that the nonpublic schools are closed. Accordingly, providing transportation for nonpublic school students during February Recess will not impose any financial burden on the District. During February Recess, the District can simply reallocate the resources that are saved on the 14 days when nonpublic schools are closed but the District is in session, and provide the transportation services to the nonpublic school students that are not needed during the 14 nonpublic school closures.

Additionally, UJC has confirmed that the company that typically provides busing to the nonpublic schools in the Village of Kiryas Joel will be available to provide these transportation services during February Recess. Therefore, the District should not encounter any administrative difficulties fulfilling UJC's request.

Lastly, UJC is concerned that failure to provide transportation services to the nonpublic students during February Recess could potentially deprive the students of their constitutional rights under the Equal Protection Clause of the United States Constitution. Therefore, in the event the District refuses to grant UJC's request to transport students to and from nonpublic schools within the Village of Kiryas Joel during February Recess, UJC may be compelled to seek legal recourse.

Thank you for your consideration in this matter. Please do not hesitate to contact me if you have any questions.

Very truly yours,

Robert S. Rosborough IV

cc: Dr. Larry Washington
Lorine Van Put-Lamerand
Vanessa Sanchez
Jeanne DeLongis
Ralph Perez

**גייענדיג צום דרוק:**

# וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט אנטזאגט זיך אקעגצוקומען די שטייער צאלער און צושטעלן באסעס אין די צייט פון ווינטער ריסעס

## יו.זשעי.סי. קלערט איבער די ווייטערדיגע שריט לטובת הציבור

CUPON Orange
December 30, 2020 at 6:29 PM ·

Village of South Blooming Grove PUBLIC Hearing re: proposed Clovewood development, Tuesday, 1/5/2020 7:15 pm via zoom.

Did you know your Washingtonville Central School District taxes 2020-2021 transportation line item went up $768,059? How much more will your school taxes go up once this development, with a potential population of 6,000 students, is built?

This isn't just a VSBG issue.

Be Informed. Be Involved. Be Heard.

https://www.villageofsouthbloominggrove.com/.../01.05...

https://www.villageofsouthbloominggrove.com/.../SBG...



איבער די נושא פון באסעס דורך די סקול דיסטריקט, איז אינטרעסאנט צו פארעפענטליכען א ציטאט פון די טרויעריג בארימטע 'קופאן ארענדזש', מיט א לעכערליכע טענה אז כלומר'שט וועלן נייע דעוועלפמענטס אין די געגענט, העכערן די טעקסעס, - עס איז לעכערליך ביז גאר ווען זיי פארשטייען זעלבסט אז די תושבים אין די נייע דעוועלאפמענטס וועלן צאלן פולע סקול טעקס, אין די צייט וואס זיי וועלן בלויז נוצן א קליין טייל דערפון פאר באסעס.

# באקענט זיך מיט:

# דער ווילעדזש
## אין אירע אפטיילונגען

**ווילעדזש באורד | ווילעדזש קלורק | ווילעדזש טרעזשורי**
**פלעניניג באורד | זאונינג באורד | וואסער דעפארטמענט**
**סוער דעפארטמענט | בילדונג דעפארטמענט | א.א.וו.**

**וויאזוי ווערן אוועקגעשטעלט די דעפארטמענטס, אויפגאבעס, רעגולאציעס, פלענער אויפ'ן עתיד**

**אין די פארלאפענע ארטיקלען איז דעטאלירט ערקלערט געווארן די ראלעס פון דעם ווילעדזש, דער ווילעדזש באורד, דער פלענינג באורד, דער זאונינג באורד, און זייערע אויפגאבעס און פונקציעס.**

**אצינד לאמיר כאפן א שטיקל בליק איבער די איבריגע אפטיילונגען, די 'דעפארטמענטס' וועלכע זענען געווענליך פארהאן אין א ווילעדזש, און ווי אזוי עס ארבעט דא ביי אונז אין ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו.**

## דרויסענדיגע הילף פאר די ווילעדזש סערוויסעס

ווי עס איז זעלבסט פארשטענדליך האט א געווענליכע ווילעדזש פארשידענע פליכטן און אויפגאבעס, וואס זיי דארפן טון צו סערווירן די שטייער צאלער. צ.ב.ש. קאלעקטן די גארבעדזש, שארן די שניי, און אלע אזעלכע סארט סערוויסעס וואס ליגט אויף דער ווילעדזש רעגירונג, זינט דער שטייער צאלער באצאלט דערפאר.

אין געווענליכע אומשטענדן, ווען ס'איז פארהאן א קאמפעטענטע ווילעדזש, וואס פארמאגט א סטאבילע פירערשאפט און שטייט אויף געזונטע פינאנציעלע גרונדן, נעמט דער ווילעדזש ארויס פון קאסע די פאר דאלאר, און מען שטעלט אליינס צוזאם דעם דעפארטמענט. מען קויפט די נויטיגע 'עקוויפמענטס', טראקס, דרייווערס, פעיראל, און די ארבעט ווערט געטון אונטער די אייגענע אויפזיכט.

דער פראבלעם פאסירט אבער, ווען עס פירט זיך אַן אומבאלומפערטע ווירטשאפט וואס קען זיך נישט קיין עצה געבן בין ימין לשמאל, א ווילעדזש אפיס וואס די איינציגע וויכטיגע דגוש וואס ווערט געלייגט מבוקר השכם עד הערב איז נאר וויאזוי צו דערקוטשען דעם אידעלע... נו, אויב אזוי קען מען דאך נישט זיין פארנומען מיט די אנדערע מינדערוויכטיגע געברויכן וואס א ווילעדזש דארף סערווירן, אלעס ווערט פארנאכלעסיגט און מען מוז צוקומען צו הילף פון אינדרויסן.

אין אזא פאל, איז דער ווילעדזש אנגעוויזן אין הילף פון אינדרויסן.

דער סיסטעם וויאזוי דאס ווערט אויסגעפירט איז אז דער ווילעדזש ווענדט זיך צו אן אנדערע ווילעדזש, אן אנדערע טאון, אדער אן אנדערע מוניציפאליטעט, וועלכע זענען יא אויסגעשטאט מיט די סערוויסעס, און מען בעט ביי זיי הילף, אז זיי זאלן אויך ארייננקומען דאהי, אין דעם שכינות'דיגן מוניציפאליטעט און טון די ארבעט פאר גוט באצאלט.

אט דער סיסטעם רופט זיך אפיציעל **IMA** וואס איז די בוכשטאבן פון **Inter Municipal Agreement** דהיינו, צוויי מוניציפאליטעטן האבן אן אפמאך צווישן זיך, אז איינער וועט טון די ארבעט פאר'ן צווייטן, און עס וועט ווערן באצאלט.

## "דעפארטמענט אוו פובליק וואָרקס"

איינס פון די גאר וויכטיגע אפטיילונגען אינערהאלב אונזער ווילעדזש, איז די דעפארטמענט אוו פובליק ווארקס, אדער באקאנט אלס די **DPW** - וואס באפאסט זיך מיט באגלייטן און אויפהאלטן אלע סארט פובליק פעסיליטיס פאר די איינוואוינער, צ.ב.ש. די ראודס, די טרעפיק סיגנעלס, די ספידינג סיינס, סטאפ סיינס, ספידינג קעמרעס, ספידינג סענסארס א.א.וו.




דאס זעלבע איז די דעפארטמענט אקטיוו ווען עס קראכט צומאל א צענטראלע וואסער פייס אינמיטן א ראוד, שניידן גראז אויף ליידיגע שטחים, ווען מען דארף אמאל איבערפלאסטערן דעם ראוד, מען דארף אויפרייניגן די שניי, און אלע סארט געברויכן און תיקונים וואס פאדערט זיך צו דורכפירן אויף די אלע שטחים וואס באלאנגען נישט פאר קיין פריוואטע איינוואוינער.

צוליב דעם וואס דער ווילעדזש איז ביז היינט געווען אומבאלומפערט ביז גאר, האט מען דאס קיינמאל נישט אליינס דורכגעפירט, נאר די אלע סארט ארבעט איז געטון געווארן דורך דעם טאון אוו בלומינגראוו, און אלס רעזולטאט איז איבריג צו ערקלערן אז אונזער ווילעדזש איז קיינמאל נישט דער פריאריטעט, ווען עס קומט צו א צעבראכענע וואסער פייפ אדער סיי וועלכע אנדערע פראבלעמען וואס דארפן פארראכטן ווערן. אין דער פארגאנגענהייט

האט מען געקענט ווארטן לאנגע שעות ביז דער טאון האט געשיקט הילף.

באלד מיט די טויש פון דער ווילעדזש אדמיניסטראציע האבן די געטרייע שליחי הציבור באלד געשטעלט פאר א וויזיע, צו ענדגילטיג אהערשטעלן אן אייגענע ״דעפארטמענט אוו פובליק ווארקס״, וואס זאל באדינען אונזערע איינוואוינער מיט רעספעקט און אחריות.

פארשטענדליך אז דאס איז נישט קיין זאך וואס קען פאסירן איבערנאכט. צו אראנזשירן אזא דעפארטמענט וועט אפקאסטן אסאך געלט פאר די טייערע טראקס, עקוויפמענטס, און מאשינעריי. און מען האט געוויס נישט געוואלט אצינד העכערן די שטייערן צוליב דעם.

אט דערפאר האט די געהילפן צום מעיאר צוערשט באנייט דעם **Inter Municipal Agreement** דעם פארגאנגענעם תשרי, באלד נאכדעם ווען דער נייער מעיאר איז אריינגעקומען אין אמט, אבער מען האט דערביי געשטעלט אן ערנסטן דגוש מיט א תנאי כפול אז ״בלומינגראוו איז מער נישט דער שטיף קינד״. דער 'ווילעדזש אוו סאוט בלומינגגראוו' דארף באקומען ערשט קלאסיגע סערוויס, תיכף ומיד אן קיין צעגערייען, און אן קיין שפעטיגונגען.

טראץ דעם שטויסט מען זיך נאך אָן אין שוועריגקייטן. אלס א ביישפיל האט זיך לעצטנס צעבראכן א צענטראלע וואסער פייפ ביי מענשאן ראוד קארנער רוט 208, באלד נאכדעם וואס די נייע פירערשאפט האט איבערגענומען. דאס האט פאסירט אינמיטן דער נאכט, אבער די עסקנים זענען גלייך אראפגעקומען אויפ'ן ארט און אויסגעאיבט א דרוק אז דער פייפ זאל נאך ווערן פאררעכטן באישון לילה, מען זאל נישט דארפן ווארטן ביז אינדערפרי, וכך הוה, דער פייפ איז ב״ה געווארן פאררעכטן.

**אבער דער שטיקל ראוד וואס איז געשעדיגט געווארן, איז שוין פאראיבער נאנט צו 4 חדשים און עס איז נאכנישט פאררעכטן געווארן. מען ווארט נאך אז דער טאון אוו בלומינגראוו, זאל אראפשיקן זייער ״דעפארטמענט אוו פובליק ווארקס״, און מסדר זיין די טעכנישע אנגעלעגנהייטן אז דאס זאל ארלעדיגט ווערן אין די קומענדיגע עטליכע וואכן.**

אלענפאלס, צייגט אזא ביישפיל ווי וויכטיג עס איז צו זיין אליינס בעל הבית, און האבן גרייט אלע פעסילעטיס צו קענען דורכפירן רענאוואציע פראיעקטן אויף דער אייגענער האנט, אן ווארטן און זיין אנגעוויזן אויף די טובות פון דרויסנדיגע דעפארטמענטס.

דאס זעלבע איז רעלעוואנט אויך לגבי די אנדערע סערוויסעס, ווי פיצן שניי א.א.וו. וואס די ווילעדזש האט ביז היינט ארויסגעגעבן פאר אנדערע פירמעס, צוליב דעם וואס מען האט נישט געהאט דאס געלט דערצו, ווען יעדע איבעריגע דאללער איז פארשוועגדעט געווארן צו באקעמפן אידן אין געריכט...

די געהילפן צום מעיאר האבן זיך אראפגעזעצט מיט די אלע באאמטע פונעם טאון און פון די אנדערע פירמעס, מען האט פארלאנגט אז אויב זיי ווילן אנהאלטן דעם 'עגרימענט' דארף דער סערוויס זיין פון העכסטן קוואליטעט, פונקטליך און אין צייט.

אין דער זעלבער צייט ארבעט מען מיט א וויזיע אז די אלע 'פובליק ווארק' אפטיילונגען זאלן עווענטועל צושטאנד קומען און זיין אונטער אונזער אייגענע קאנטראל. איבערהויפט באטראכט מען אפציעס וויאזוי צו שאפן די נויטיגע פאנדן וועלכע פעלן זיך אויס, דורך די פארשידענע סטעיט און פעדעראל גרענטס וועלכע קענען גענוצט ווערן צו קענען אנפאנגען אויפשטעלן די דעפארטמענטס בעז״ה.

## די 'סאניטאציע דעפארטמענט'

דער צווייטער וויכטיגער אפטיילונג איז דער סאניטאציע דעפארטמענט וואס נאטורליך איז דאס א חלק פון די ווילעדזש אדמיניסטראציע, א שטייגער ווי אין אונזער שכינות'דיגער קרית יואל, ווי די טאון באהערדע זענען פולקאם בעל הבית אויף דעם דעפארטמענט, אזוי ארום אז סיי ווען עס פאדערט זיך א טויש וויאזוי צו אויפפיקן די גארבעזש, און דאס זעלבע ווען עס מאכט זיך א פראבלעם ביי א יחיד מיט זיין סעניטאציע, קען עס ווערן שנעל געלעזט.

ביי אונז אין ווילעדזש האט מען אבער אויך דאס ארויסגעגעבן פאר'ן טאון. און אויב דאס איז נישט גענוג, האט עס דער טאון ארויסגעגעבן צו א פירמע וואס רופט זיך **IWS** . אזוי ארום אז מיר זענען שוין א 'כלי שלישי' ווען מען ברויך באקומען דעם סערוויס פון אפנעמען די גארבעדזש, און דעריבער טראגט עס טאקע אזא פנים, ווי דער ציבור תושבי העיר איז צום באדויערן ברייט באקאנט.

די יו. דזשעי. סי. האט דעריבער זיך צוערשט אריינגעלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, צו פארזיכערן אז די **IWS** קומט לכה״פ נאך זייערע אייגענע התחייבות וואס פארלאנגט זיך פון זיי לויט'ן קאנטראקט.




גלייכצייטיג קוקט מען ארויס אז אין דער צוקונפט זאל בעז״ה ערמעגליכט ווערן צו האבן אן אייגענע דעפארטמענט וואס זאל זיך צושטעלן צו אלע געברויכן פון די היזיגע איינוואוינער.

## די 'פאליציי דעפארטמענט'

דער דריטער אפטיילונג וואס דער ווילעדזש האט געשלאסן דערמיט אן **Inter Municipal Agreement** איז דער פאליציי דעפארטמענט וואס מען נוצט דערווייל פון דעם טאון אוו בלומינגראוו. דער ווילעדזש האט נישט קיין אייגענע פאליציי אין דער צייט וואס ס'איז פארהאן פילע 'גרענטס' וואס מען וואלט געקענט באקומען צו געניסן פון 'סעקיורעטי' פאר בתי מדרשים און פאר'ן ציבור, און אז אונזערע גאסן זאלן זיין פארזיכערט. ועוד חזון למועד אי״ה.

## דער 'אמבולאנס דעפארטמענט'

יעדער לאנד אייגענטימער, קען זעהן אויף זיין 'טעקס ליין' אז איינס פון די זאכן אויף וואס מיר צאלן שטייער איז פאר דער פאליציי, פאר דער בלומינגראוו אמבולאנס און פאר דעם פייער דעפארטמענט.

דער אלגעמיינער אמבולאנס פון דער טאון או״ו בלומינגראוו, איז א זאך וואס ווערט באצאלט דורך די שטייער צאלער, און דערווייל איז דאס אויך אין א קאנטראקט מיט'ן טאון.

איבריג צו ערוועגען אז מיר זענען ב״ה נישט אנגעוויזן אויף זייערע סערוויסעס, וואס יעדע רוף געדויערט צווישן פופצן מינוט און א האלבע שעה ביז זיי רעאגירן, לויט דעם אלטן פראטאקאל. אידן זאלן קיינמאל נישט דארפן נוצן קיין אמבולאנס בכלל, אבער זיכער זאלן מיר נישט דארפן אנקומען צום גוי.

פון דער אנדערער זייט איז ברוב סייעתא דשמיא פארהאן א

שטארקע און פראדאקטיווע צוזאמענארבעט צווישן די געטרייע חברה הצלה ד'קרית יואל און דעם ווילעדזש. די קרית יואל'ער חברה הצלה האט זאגאר אריינגעשטעלט אן אמבולאנס דא אין דער געגנט. זייענדיג דער איינציגסטער געגנט אינדרויסן פון קרית יואל וואס פארמאגט אן אמבולאנס וואס איז דא סטאנציאנירט אויף א פערמענאנטן אופן. דאס זעלבע האט מען געהאט א פולקאמע קאאפעראציע איבער די סוקסעספולע ראדיא סיסטעמען וואס איז לעצטנס איינגעשטעלט געווארן.

ס'איז דעריבער דער האפענונג אז מען וועט זיך בעז"ה קענען אויסברייטערן, אויך אין דער בלומינגראווער אפטיילונג פון חברה הצלה ד'קרית יואל, צו איינהאנדלען שפאגל נייע, העכסט סאפיסטיקירטע אמבולאנסן, וואס וועט באצאלט ווערן דורך די שטייער צאלער פונעם ווילעדזש, געלט וואס ווערט סייווי איינקאסירט צווישן די איינוואוינער.




## דער 'פייער דעפארטמענט'

דער אפטיילונג פון דעם פייער דעפארטמענט איז א ווייטאגליכע טעמע, וואס איז שוין באקאנט פאר'ן ציבור פון די פארלאפענע וואלן.

אין טאון און בלומינגראוו איז פארהאן עטליכע "פייער דיסטריקטס", וואס יעדע פון די דיסטריקטס פארמאגן א 'באורד און קאמישאנערס' וואס נעמט אויף אן אייגענעם פייער קאמפעני.

אונזער ווילעדזש, געפינט זיך אין דעם דיסטריקט 5 פון דעם טאון פייער דיסטריקטס. דער דיסטריקט האט אויפגענומען די פירמע **independent fire company** צו באקעמפן פייערס, און צום באדויערן זענען בלומינגראווער איינוואוינער שוין מלומדי מכות פון דעם פייער דעפארטמענט.

דער דיסטריקט וואס די **independent fire company** דארף סערווירן, שפרייט זיך אויס אויף א ריזיגן שטח, אבער דער פייער דעפארטמענט האט גאר א קליינע סטעף פון ערפארענע פייערלעשער, וואס ברענגט אויטאמאטיש אז ביי יעדע פייער רוף געדויערט א לאנגע צייט פון אריבער 20 מינוט ביז זיי קומען אן אויף די סצענע. בנוסף צו די אלע מיטמאכענישן וואס די אידישע געמיינדע האט דא געליטן פון די דעפארטמענט, הלא הם כתובים על ספר דברי ימי בלומינגראוו.

די געטרייע עסקנים אין שפיץ פון דער 'יו. דזשעי. סי.' האבן שוין מערערע מאל פרובירט אויף פארשידענע סארט וועגן, צו ברענגען א געמיינזאמע צוזאמענארבעט צווישן די פייער דעפארטמענט און די אידישע געמיינדע, אבער דערווייל איז אלעס ליידער געפאלן אויף טויבע אויערן.

מען האט פרובירט מיט די וואלן, אבער מאת ה' היתה זאת, פון הימל איז עס נאכנישט געווען באשערט. פארט גיט מען נישט אויף קיין האפענונג. דער עווענטועלער פלאן איז, אז דער 'ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו' זאל גרינדן אן אייגענעם פייער דעפארטמענט, און די שטייערן וועלכע גייען יעצט פאר דער 'טאון פייער דיסטריקט', זאלן גיין דירעקט צו דעם דעפארטמענט פון דעם ווילעדזש.

אין צוגאב צו די שפאגל נייע טראקס און עקוויפמענטס וואס א נייע דעפארטמענט וועט איינקויפן איז מערקווירדיג צו באטאנען אז דער שטח וואו דער פייער דעפארטמענט געפונט זיך יעצט באלאנגט פאר'ן "ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו", אזוי אויך די עקוויפמענט פון דעם פייער קאמפאני באלאנגט אויך, אין גרויסן טייל, פאר די שטייער צאלער פון "ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו". אזוי ארום אז ווען מען וועט האלטן דארט בעז"ה, וועט זיין היבש גרינגער אריבער צו רוקן דעם גאנצן פייער דעפארטמענט עס זאל זיין אינגאנצן אונטער דער פירערשאפט פון דעם ווילעדזש.

חפץ ה' בידינו יצליח!

■ ■ ■

דאס אויבנדערמאנטע איז פארשטענדליך בלויז א קורצע שילדערונג, אויפ'ן שפיץ גאפל, פון די 5 אפטיילונגען וועלכע האבן דערווייל אן **Inter Municipal Agreement**, וואס ברענגט אסאך אומאנגענעמליכקייטן פאר תושבי העיר, און וואס פאדערט זיך אז דער ווילעדזש זאל דאס פולקאם איבערנעמען מיט קראנטע און שטאנדהאפטיגע פינאנציעלע גרונדן, מען זאל נישט זיין אנגעוויזן אויף די געגנטן אנדערע און זיך אליינס מסדר זיין אויף דער אייגענער האנט, בעז"ה.




די גוטע נייעס איז אז א גרויסע טייל פון די אפטיילונגען זענען פאקטיש אויף די "טעקס ליין" פונעם ווילעדזש, וואס דעריבער איז פארהאן א קלארע וויזיע וויאזוי דאס זאל אריבערגיין אונטער די ווירטשאפט פון דעם ווילעדזש.

ווי ערוועהנט זענען דאס זאכן וועלכע פאסירן נישט פון איין טאג צום צווייטן. אזעלכע טוישונגען דארפן זיין גוט פלאנירט, דער לעגאלער חלק, דער טעכנישער חלק, דער פראקטישער חלק, און דער 'אפערעישענעל' חלק, וויאזוי דאס זאל פראקטעצירט ווערן הלכה למעשה, און בסייעתא דשמיא וועט מען דאס דורכפירן אין לויף פון די קומענדיגע תקופה, יעדע זאך צו זיין באשטימטע צייט.

**פאלגט נאך קומענדיגע וואך, א דעטאלירטע שילדערונג איבער די געהילפן אנדערע פאזיציעס אינערהאלב דעם ווילעדזש, וואס רעכנט אויך אריין געטרייע עסקנים מאחב"י תושבי העיר.**

## ברכת מזל טוב
לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

הגה"צ **אדמו"ר מקאזניץ** שליט"א
לרגל הכנסת נכדו לעותומ"צ

מוה"ר **טובי' מאיר אינדיג** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

מוה"ר **משה האלפערן** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

מוה"ר **יואל הירש** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

מוה"ר **יואל וואלדמאן** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **יוסף ברוך רייך** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

יזכו כולם לראות רב נחת דקדושה
מתוך הרחבת הדעת

## השבת אבידה
ס'איז געטראפן געווארן א פרויען פאר
הענטשוך אויף סעירס ראוד קארנער
מייקעל קארט, שבת פרשת יתרו, אויב
פארלוירן ביטע רופן: 845.274.6811



**CDL DRIVERS NEEDED**
part time and full time,
$50 per Hour/Route!
We also pay for your CDL course.
Positions available Today!
Call Now: **845.412.0482**



## רעגיסטראַציע
☆☆☆ דרייוו ☆☆☆

**א בחור אדער א מיידל וואס וועט זיין 18 יאר אויף קומענדיגן מארטש 16 למספרם און איז נאכנישט רעגיסטרירט**

ביטע שוין אריינרופן:
מו"ה **אורי דייטש** הי"ו
**845.662.9409**
מו"ה **אלימלך היללער** הי"ו
**347.436.5884**

ובשם ה' נעשה ונצליח!

אריינצושיקן נייעס, ארטיקלן, בילדער,
הערות און געדאנקן אדווערטייזמענטס,
ביטע זיך פארבינדן מיט די רעדאקציע אויף:
**mail@shtima.com**

ווי אויך קען מען אריינרופן אין אפיס פון די שטימע אויף:
**845.384.2818**




PRSRTD STD
US POSTAGE
**PAID**
PERMIT 70
MONSEY NY

**BG shtima**
P. O. Box 808
Monroe NY 10949